# סצענע 13 א'
# Escena 13 A

## מען גרייט צו די חתונה
## Preparando la boda

באָבע - אין אַ פּאָר מאָנאַטן ( חדשים) אַרום, וועט איר שוין חתונה האָבן, קינדער. איך קען עס נישט גלייבן...

גאָלדע - דאַנקען גאָט, אַלץ איז שוין דערליידיקט.

רייזל - ניין מאַמע, נאָך נישט אַלץ...

גיטל - וואָס הייסט נאָך נישט אַלץ, רייזל ? דער רעסטאָראַן איז שוין גרייט מיט זייער גוטע קעלנערס, רונדע טישן, שטולן מיט לײַסטן...

גאָלדע - באַפּוצט מיט שיינע בלומען: רויזעס, מאַרגאַריטקעס, ליליעס און טולפּאַנען.

גיסע-ביילע - מיט גוטע ייִדישע מאכלים: הערינג, געפֿילטע פֿיש, זופּ מיט קרעפּלעך, זשאַרקאָיע מיט רײַז, קרויט, קאַרטאָפֿל-קוגל, גרינסן -סאַלאַט (פֿאַר די וואָס זײַנען אויף אַ דיעטע).

ציוקע - פֿאַרגעסט נישט דאָס שוואַרצע און ווײַסע ברויט, די בייגעלעך און די קיכעלעך...

יאָסל - און די גוטע משקאות: שנאַפּס, ווײַן, וויסקי...

בערל - און אַלערליי טייען און קאַװעס...

יאָסל - און דאָס וויכטיקסטע, די געשמאַקע נאָכשפּײַזן: שאָקאָלאַד טאָרט, עפּל-שטרודל, קאָמפּאָט, ניס, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, ווײַנטרויבן... אוי אַ מחיה ! איך בין שוין זייער הונגעריק !

זעליג - סאַראַ סעודה !!! איך בין אויך הונגעריק. לאָמיר גיין אין קיך עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן !

מאָטל - און מוזיק וועלן מיר אויך האָבן. מײַנע פֿרײַנד די קלעזמער וועלן אויך קומען מיטן פֿידל, דעם באַס, דעם קלאַרנעט...

ציוקע - מאָטל, זײַ נישט אַלטמאָדיש. עס וועט אויך קומען אַ קליי-

נער אָרקעסטער. זיי וועלן שפּילן מאָדערנע מוזיק און אַזוי
ווערסטו קענען טאַנצן מיט דײַן כּלה דאָס וואָס דו האָסט זיך
אויסגעלערנט אין דער טאַנץ-אַקאַדעמיע...

רייזל - הערט זיך אַלע צו: די סעודה איז שוין דערליידיקט, די
בלומען, די מוזיק און אַפֿילו די טאַנץ-לעקציעס. מיר האָבן
שוין גערעדט מיטן רבֿ און מיטן חזן. אָבער עס פֿעלט נאָך
עפּעס...

## וואָקאַבולאַר Vocabulario

| ייִדיש | Fonética | Español |
|---|---|---|
| אַ פּאָר | a por | un par |
| מאָנאַטן(חדשים) | monatn (jadoshim) | meses |
| אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום | in a por monatn arum | en un par de meses |
| חתונה האָבן | jasene hobn | casarse |
| איך קען עס נישט גלייבן | ij ken es nisht gleibn | no lo puedo creer |
| דערליידיקט | derleidikt | resuelto |
| אַלץ | alts | todo |
| רונדע טישן | runde tishn | mesas redondas |
| שטול (ן) | shtul (n) | silla (s) |
| לײַסטן (סטענגעס) | laistn (stengues) | listones |
| באַפּוצן | baputzn | adornar |
| רויזן | roizn | rosas |
| מאַרגאַריטקעס | margaritkes | margaritas |
| ליליעס | lilies | lilas |
| טולפּאַנען | tulpanen | tulipanes |
| זשאַרקאָיע | zarkoye | guiso de carne |